

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בשלח
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ו

## פראגע

**וויאזוי קען מען דערגרייכן התמדה אין לערנען, אין פאל מען האט נאכנישט קיין חשק צו לערנען?**

## ענטפער:

**איך** גיי אייך געבן עטליכע עצות, לייגט צו קאפ.

איר ווייסט אז ברויט איז "סטארטש". ווען מען קייט ברויט, קומט די שפייעכטס אין באריורונג מיט די סטארטש. אין די שפייעכטס געפינט זיך א געוויסע טייל וואס ווערט גערופן "פטיאַלין" (ptyalin), דאס מאכט אז די סטארטש זאל ווערן פארוואנדלט אין צוקער. ווי לענגער מען קייט די ברויט, אלס זיסער ווערט עס. ס'איז א פאקט. ווי לענגער מען האלט די ברויט אין מויל, אלס זיסער ווערט עס.

תורה איז אייגנטליך **"מתוקים מדבש ונופת צופים"** (תהלים יט, יא) – זיסער ווי האניג. אודאי ווען מענטשן הייבן אן צו לערנען איז עס נישט גרינג, ס'איז נישט אזוי זיס. אבער איינמאל מען לערנט עפעס דארף מען עס גוט צעקייען. לאמיר זאגן דו האסט אריינגעלייגט ארבעט און געלערנט, גיי נישט ווייטער! חזר עס איבער. מאך זיכער אז דו קענסט איבערזאגן די גאנצע סוגיא מיט דיינע אייגענע ווערטער, און זאג ארויס אלע סברות.

עס פעלט נישט אויס עס צו טון מיט א גאנצע בלאט אויף אמאל. לאמיר זאגן א דריטל פון אן עמוד. שמועס איבער די סוגיא. שמועס עס אויס צו דיר אליינס נאכאמאל, הויעך, אויפ'ן קול. און זאג עס איבער נאכאמאל הויעך. יעדעס מאל וועט עס ווערן זיסער און זיסער. איר וועט זיין איבערראשט, איר וועט עס ממש ליב האבן נאך א שטיק צייט.

און דאן וועט איר וועט לערנען אויף דעם וועג וועט איר באקומען א געשמאק אין תורה, א טעם אין דער תורה. איינמאל די ווערטער זענען פארשטענדליך, אפילו אן קיין עמקות, אפילו אן קיין גרויסע קשיות. און אגב, איינמאל מען לערנען אויף דעם וועג, וועט דיר אנהייבן איינצופאלן גוטע קשיות. דו וועסט פארשטיין אז די ערשטע מאל האסטו ניטאמאל געכאפט וואס מען רעדט דא, דו האסט דיך גענארט.

די וועלט אין אלגעמיין נארט זיך. רוב מענטשן נארן זיך ווען זיי לערנען, אבער ווען מען זאגט עס איבער איינמאל און נאכאמאל, הייבט מען עס אן ריכטיג צו פארשטיין און עס ווערט זיסער און זיסער.

לאמיר זאגן איר קענט זאגן א גאנצע עמוד גמרא בעל פה, נישט יעדעס ווארט ווי עס שטייט, נאר די גאנצע געדאנק, דער רעיון פון דער גמרא, עס איז מתוק מדבש! נאך א ווייל ווערט עס אזוי זיס אז איר הייבט אן הנאה צו האבן דערפון.

אין צוגאב צו דעם, יעדן טאג בעט צו השי"ת, **"והערב נא ה' את דברי תורתך"** – מאך זיס די ווערטער פון די תורה אין אונזער מויל. דעמאלטס וועט הקב"ה זאגן, דו מיינסט עס ערנסט? דו בעטסט דערפאר? איך וועל דיר העלפן! אבער צו זאגן די ווערטער אן טראכטן וואס עס מיינט, פארוואס זאל דער באשעפער זיך צוהערן?

סא, בעט דעם באשעפער ער זאל דיר געבן א געשמאק, א זיסקייט אין לערנען, און אויך חזר איבער, צעקיי עס נאכאמאל און נאכאמאל און עס וועט ווערן ווי צוקער אין דיין מויל. דו וועסט זיין איבערראשט. אסאך מענטשן האבן פאקטיש **ליב** דאס לערנען! סיי-ווען זיי האבן א געלעגנהייט נעמען זיי ארויס א ספר. אסאך קוקן אריין אין א ספר בשעת זיי עסן. אסאך מענטשן האבן אזוי שטארק ליב די גמרא אז זיי זענען ממש ווי שיכור.

איך זאג אלעמער איבער די מעשה פון ר' דוד ראפאפארטער ז"ל פון סלאבאדקע. ער פלעגט גיין אין גאס און רעדן צו זיך אליינס אין לערנען, און איינמאל האט ער אריינגעקלאפט אין א גאסן-לאמפ, און ער האט

געזאגט "אנטשולדיגט"... ער האט נישט געוואוסט אז ער האט אריינגעקלאפט אין א לאמפ, אזוי אריינגעטון איז ער געווען אין לערנען.

און מיינט נישט אז פרוביען פארפאסן עפעס. אויב פרוביען זענען מחזק זייערע מענער צו לערנען זענען זיי א הונדערט פראצענט שותף, נישט קיין פופציג פראצענט שותף. און פרוביען האבן אויך זאכן צו טון. זיי ווילן לערנען? פרקי אבות, תהלים, אזויפיל גוטע זאכן, מוסר ספרים. דער גר"א האט געמוטיגט זיינע טעכטער צו לערנען מוסר ספרים, חובת הלבבות, מסילת ישרים. א פרוי קען ווערן זייער א גרויסע למדן אין די נושאים. און דער גר"א האט עס געמוטיגט.

און דערפאר, אויב איר ווילט זיך צוגעוואוינען צו שפירן די זיסקייט פון תורה, געוואוינט אייך צו איבערצו'חזר'ן די געדאנקען בעל פה, און אויך בעט השי"ת, און מיט דער צייט וועט איר אנהייבן צו שפירן דעם טעם פון די תורה.

## פראגע

### איז דא א פראבלעם צו נעמען קינדער צו קאנצערטן וואו שומרי תורה ומצוות וועלן זינגען כשר'ע ניגונים?

**ענטפער:**

**איך** וועל אייך זאגן מיין פריוואטע מיינונג. איך האלט נישט אז קינדער זאלן ווערן צוגעוואוינט צו אומנויטיגע און איבריגע זאכן. טרענירט נישט אייערע קינדער צו ווערן איינגעוואוינט צו גיין אויף פלעצער וואס קאסטן געלט. זיי דארפן עס נישט און איר מאכט זיי חרוב דערמיט.

איר קענט זיי טרענירן צו גיין שפאצירן; זיי קענען גיין שפאצירן און כאפן פרישע לופט; זיי קענען גיין שפילן אביסל אויפ'ן גאס מיט א באל און מאכן אביסל איבונגען, אבער נעמט זיי נישט צו קאנצערטן און אזעלכע סארט זאכן. איך האלט בכלל נישט פון די זאכן.

איך האלט בכלל נישט פון נעמען קינדער אויף לאנגע רייזעס. מאך זיי נישט צוגעוואוינט צו לוקסוס. א קינד דארף אויסגעלערנט ווערן צו לעבן א שפארזאמע לעבן און צו וועלן נאר זאכן וואס איז נויטיג.

מענטשן פיטערן היינט צו טאגס זייערע קינדער מיט אלע סארט געדאנקען – אלע סארט אומריכטיגע השקפות, און זיי מיינען אז ס'איז נארמאל. אפילו צו שיקן אייער טאכטער צו – לאמיר זאגן - א סעמינאר אין געיטסהעד, האלט איך מער נישט פון דעם. עס איז זייער א גוטע פלאץ, געיטסהעד, אבער מען קען שיקן קיין בארא פארק אדער צו די ברוקלין ישיבה. עס זענען דא זייער גוטע פלעצער אויך דא.

און לאזט אויך נישט אייער טאכטער פארן קיין ארץ ישראל. א מענטש איז צוגעקומען צו מיר איין טאג. זיין טאכטער וויל פארן קיין ארץ ישראל. זי איז א פרומע מיידל. ער וויל וויסן וואס איך האלט דערוועגן.

פארוואס דארף זי גיין קיין ארץ ישראל?! עס קאסט אסאך געלט. פארוואס זאל אן אומפארהייראטע מיידל דארפן אויסגעבן געלט צו גיין קיין ארץ ישראל?! ניין, איך האלט נישט דערפון.

לערנט אויס אייערע קינדער צו אוועקלייגן זייער געלט. זיי וועלן עס דארפן איין טאג. א סעיווינגס אקאונט אין באנק איז בעסער ווי צו פארן. לערנט זיי אפצושפארן געלט פאר שפעטער. לערנט זיי נישט אויס צו שפענדן געלט פאר אומנויטיגע זאכן!

## פראגע

### איז אויסגעהאלטן פאר א פרומען איד צו פארמאגן א הינטל?

**ענטפער:**

**א** הונט איז נישט קיין עבירה, אבער ס'איז אויך נישט קיין מצוה, ווייל א הונט איז א גרויסע באלעסטיגונג.

אויב מענטשן וואלטן ווען געהאלטן הינט בלויז צוליב נוצבארקייט, וואלטן מיר גארנישט געזאגט. אבער איר דארפט וויסן אז כמעט אלעמאל איז האבן א הונט א דעמאנסטראציע פון אסימיליאציע. ער טוט עס ווייל יעדער טוט עס. רוב מענטשן האבן א הונט, נישט ווייל זיי דארפן עס. נאר ווען ער שפאנט אראפ די גאס מיט א הינטל ביי זיינע פיס, שפירט ער זיך ווי מכבוד'דיגער "דזשענטעלמאן", א יעגער. ער האט א הונט מיט זיך. ער שפירט אז ער איז א מענטש – א ריכטיגער גוי!!

אבער אויב א מענטש וויל האבן א הונט פאר עפעס א פראקטישע סיבה, קען אים קיינער נישט קריטיקירן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**











צו באשטעלן רופט:
**מערכת להתענג 845-662-2782**
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב